## פרשת האזינו א׳ וב׳ כ״ד אלול תש״פ - ח׳ תשרי תשפ״א לפ״ק

***יום שני פרשת האזינו א׳ - ב׳ דסליחות***

בשעות אחר הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט״א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של בת הר״ר **שמואל זאנוויל מארקאוויטש** הי״ו, עב״ג בן הר״ר **יעקב גבריאל טונק** הי״ו.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט״א** לעיר לעיקוואד, לבית הר״ר **חנני׳ יו״ט ליפא** (ב״ר הערשל) **שפיץ** הי״ו, וקיבל למשך כמה שעות את קהל אנשי שלומינו לקראת ימי הרחמים והרצון.

*

***יום שלישי פרשת האזינו א׳***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט״א** תפלין לבן הר״ר **יעקב יהודא פליישמאן** הי״ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט״א** למאנסי והגיע לניחום אבלים אצל משפחת הר״ר **בערל ראזענבערג** ע״ה.

***מתוך השיחה:***

**א׳ האבלים:** דער רבי ז״ל [**הגה״ק מצאנז קלויזענבורג זצ״ל**] פלעגט זאגען סליחות יעדן טאג א פערטל נאך פינף. איינמאל איז שוין געווען האלב נאך פינף, און דער רבי איז נישט געווען אין בית המדרש, ער האט זיך נישט גוט געפילט, און ער האט אריינגעשיקט זאגען אז מען זאל זאגן סליחות. זיבן אזייגער איז דער רבי ארויפגעקומען צו סליחות, מען האט געהאט אוועקגעלייגט אפאר בחורים, און דער רבי האט זיך איינגעשפארט אין די סוכה, אז קיינער זאל נישט זעהן, אז ער זאגט סליחות זיבן אזייגער.

**רבינו:** איך האב געהערט נאכזאגן פון **הרב וואזנער זצ״ל**, אז ביי די ספרדים זאגט מען סליחות דעם גאנצן חודש, און דער **רמ״א** (או״ח סימן תקפ״א סעיף א׳) שרייבט, אין אנו נוהגין להשכים ולומר סליחות, מיר שטייען נישט אויף צופרי דעם גאנצן חודש צו זאגן סליחות. האט ער געזאגט אז די ׳אין אנו נוהגין׳ גייט נאר ארויף אויף ׳לומר סליחות׳, אבער עס גייט נישט ארויף אויפן ׳להשכים׳, ווייל מען איז יעדן טאג אויפגעשטאנען פרי. ׳לומר סליחות׳ האט מען נישט געזאגט. - היינט גייט עס צוזאמען, אז מען זאגט נישט קיין סליחות, דארף מען נישט אויפשטיין פרי.

**א׳ האבלים:** אין קרית צאנז איז געווען א ספרד׳ישע ישיבה, און אונז האב מיר געהערט א גאנץ חודש ווי אזוי זיי זאגן סליחות.

**רבינו:** זעהט אויס אז אונז האב מיר וויניגער עבירות, אונז דארף מיר נישט אזויפיל צו בעהטן.

**א׳ האבלים:** הרב ווילנער ז״ל ווען ער פלעגט אריינקומען אין בית המדרש, און ער פלעגט זעהן ווי מען זאגט סליחות (שלא באשמורת), פלעגט ער זאגען, סליחות איז נישט קיין געזאגעכטס, סליחות איז א אויפשטייעכטץ.

**רבינו:** וישכם ויאמר...

איך בין נישט געקומען דירעקט פון ניו יארק, איך בין שוין ממילא אין מאנסי, בין איך אריינגעקומען. איך וויל נישט זיין קיין גונב את הדעת...

*

אחר כך הגיע **רבינו שליט״א** לבית הרב **שמואל באדאנסקי** שליט״א, וקיבל את קהל אנשי שלומינו לקראת ימי הרחמים והרצון.

*

***יום רביעי פרשת האזינו א׳***

אחר סליחות נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודה. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר״ר **אברהם יואל פראמאוויטש** הי״ו. **רבינו שליט״א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**מען** זיצט ביי א סעודת ברית מילה, און מען גרייט זיך צום גרויסן יום טוב ראש השנה. מען זעהט אין די פוסקים (**טורי זהב** או״ח סימן תקפ״ד סק״ב) אז מילה מיט ראש השנה האבן א קשר איינס מיטן אנדערן. זיי ברענגען צו, אז ווען עס איז געווען א ברית ראש השנה, האט מען נישט אפגעווישט די דם וואס איז געווען אויף די ליפן פון די מציצה, כדי מען זאל עס מסמיך זיין מיט שופר. און עס האט א רמז אין פסוק אויך (תהלים פא-ד), תקעו בחודש שופר בכסה ליום

חגנו, כי חוק לישראל הוא משפט לאלקי יעקב. די לעצטע ווערטער ה'וא מ'שפט ל'אלקי י'עקב, איז די ראשי תיבות מיל"ה. תקעו בחודש שופר האט א שייכות מיט די מצוה פון מילה.

**בפשטות** איז דער שייכות, ווייל מילה דאס איז מסירת נפש, כי עליך הורגנו כל היום (תהלים מד-כג), זו מילה (גיטין נז:). עס איז מסירת נפש פון עלטערן אריינצוברענגען דאס קינד בבריתו של אברהם אבינו. און דורך די מצוה לייגט מען אריין די כח פון מסירת נפש אינעם קינד פארן גאנצן לעבן. שופר איז דאך תקעו לפני בשופר של איל, כדי שאזכור לכם זכות עקידת יצחק בן אברהם (ראש השנה טז.), שופר דערמאנט דאס וואס אברהם אבינו האט גענומען יצחק, און געברענגט אויף די עקידה, און שפעטער איז עס אויפגעטוישט געווארן אויפן איל. און דער שופר פונעם איל, דערמאנט עקידת יצחק. עקידת יצחק מיט ברית מילה זענען ביידע דער ענין פון מסירת נפש פארן אייבערשטען.

*

**עס** שטייט אין די פוסקים (**של"ה הק'**, הובא **במגן אברהם** סימן תקפ"א סק"י), אז דריי טעג פאר ראש השנה דארף זיך דער שליח ציבור צוגרייטען צום דאווענען, ער מוז האבן א הכנה פאר דעם. ביי מתן תורה איז אויך אזוי געווען, דער איבערשטער האט געהייסען מען זאל זיך צוגרייטען דריי טעג פריער, שלשת ימי הגבלה. דער הייליגער **חתם סופר** שרייבט (בדרשות ח"ב שסח.), אז אמאל איז עס געווען נאר דער בעל תפלה, וואס ער האט מוציא געווען דעם גאנצן ציבור, האט ער זיך געדארפט צוגרייטען, היינט אז מען איז נישט מוציא דעם ציבור, דארף יעדער יוד האבן פאר זיך דריי טעג זיך צוצוגרייטען צום יום טוב. - ביי עקידת יצחק געפונט מען אויך, אז עס האט גענומען דריי טעג פאר אברהם אבינו זיך צוצוגרייטען צו די עקידה. ביום השלישי וישא אברהם את עיניו, וירא את המקום מרחוק (בראשית כב-ד). זעהט מען אז עס איז דא א ענין פון דריי טאג וואס מען דארף זיך צוגרייטען. די דריי טאג וואס אברהם אבינו איז געגאנגען אויפן וועג, האט ער זיך צוגעגרייט אז ער זאל קענען מקיים זיין די מצוה.

**איך** האב געזעהן אמאל שטיין, אז מיר בעטן אלעמאל, אז דער באשעפער זאל געדענקען די עקידה פון יצחק. שכר מצוה בהאי עלמא ליכא (קידושין לט.), דער באשעפער באצאלט נישט קיין שכר מצוה אויף די וועלט. עקידת יצחק איז א מצוה, ער האט געפאלגט דעם אייבערשטען, ווי אזוי קען מען בעהטן, אז דער באשעפער זאל עס געדענקען. אברהם אבינו האט תיכף געבעטן פונעם אייבערשטען (בראשית כב-יד), אשר יאמר היום בהר ה' יראה. און דער מלאך האט אים געזאגט, כי ברך אברכך והרבה ארבה את זרעך, עס איז דאך שכר מצוה, וואס מען באצאלט נישט אויף די וועלט.

**אבער** דער אמת איז, אז שכר אויף די עקידה אליין, איז נישט דא אויף די וועלט. נאר אויף די הכנה וואס א יוד גרייט זיך צו א מצוה, אויף דעם איז דא שכר אויף די וועלט אויך. דער אייבערשטער האט נישט צוגעברענגט אז אברהם אבינו זאל תיכף שחט'ן יצחק, כדי עס זאל זיין א הכנה פון די דריי טעג, כדי די עקידת יצחק זאל קענען זיין א שכר פאר יודען. וועגן דעם זאגט דער פסוק (הושע ו-ב), יחיינו מיומים, ביום השלישי יקימנו ונחיה לפניו. 'יחיינו', דאס וואס אונז קען מיר לעבן, דאס איז 'מיומים', פון די ערשטע צוויי טעג וואס אברהם אבינו האט זיך געגרייט צו די עקידה. אבער 'ביום השלישי', דאס איז 'יקימנו ונחיה לפני"ו', די שכר איז אוועקגעלייגט אויף יענע וועלט.

**ביי** ברית מילה גיט דער אייבערשטער א גרעסערע הכנה. זיבן טאג גרייט מען זיך צו, און ביום השמיני ימול בשר ערלתו (ויקרא יב-ג). דער אייבערשטער וויל, אז דער שכר פון מילה זאל זיין א נצחיות אויף שפעטער אויך, האט ער געגעבן אז מען זאל זיך צוגרייטען זיבן טעג צו די מצוה, און אויף די הכנה וואס מען גרייט זיך צו, איז דא שכר אויף די וועלט אויך. שלמה המלך זאגט אין קהלת (יא-ב), תן חלק לשבעה וגם לשמונה, כי לא תדע מה יהיה רעה על הארץ. עס שטייט אין די גמרא (עירובין מ:, ובמדרש ויק"ר יד-ז) אז שמונה גייט ארויף אויף ברית מילה, וואס איז ניתן לשמונה. ער זאגט אבער, תן חלק לשבעה, וגם לשמונה, די מצוה פון ברית מילה איז איינגעטיילט, זיבען טעג הכנה, און דעם אכטן טאג איז מען מקיים די מצוה. 'תן חלק לשבעה', גיב א חלק אויך זיך צוצוגרייטען די זיבן טאג, 'וגם לשמונה', און נאכדעם קומט דער שמונה, ווייל אויף דאס וואס מען גרייט זיך צו, צו א מצוה, דאס צאלט

דער אייבערשטער שכר אויף די וועלט אויך, 'כי לא תדע', וועסטו נישט וויסן, 'מה יהיה רעה על הארץ'. מיט דעם וואס דו וועסט געבן תן חלק לשבעה, וועסטו האבן שכר אז שפעטער וועסטו נישט וויסן צו זאגען פון קיין שלעכטס. - און וועגן דעם גרייט מען זיך צו דריי טעג פריער, מען זאל האבן דעם שכר אויף די הכנה וואס מען האט זיך צוגעגרייט צו די מצוה.

*

בשעות הערב התקיים סעודת הילולא של **כ"ק מרן רבינו בעל עזר מיהודה זצוק"ל** בבית מדרשנו. **הרה"ג רבי מנחם פישער שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו הק' במאנסי אמר ההדרן לסיום הש"ס, ונשמעו דברי זכרון על ידי **הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א** דומ"ץ בית מדרשנו זכרון יהודה בבארא פארק. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש (תוכן הדברי תורה נדפס בגליון 'דברי תורה').

*

***יום חמישי פרשת האזינו א'***

אחר מעריב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הרב **אברהם הערש וואזנער** שליט"א.

*

***ערב שבת קודש – ערב ראש השנה***

לאמירת סליחות ניגש **רבינו שליט"א** לפני התיבה. – אחר תפלת שחרית ערך **רבינו שליט"א** סדר התרת נדרים לפני ג' אנשים. והוסיף גם אמירת היה"ר ומסירת מודעה מאת **החיד"א זצ"ל**, וסדר התרת קללות וניזופים.

בשעות אחר הצהרים הגיע **הגה"צ רבי מנשה כ"ץ שליט"א** אב"ד פריימאן לברך ולהתברך אצל **רבינו שליט"א** בברכת השנה.

*

***שבת קודש – יום א' דראש השנה***

בליל ראש השנה אחר תפלת ערבית ואמירת לדוד מזמור, עברו כל הקהל לפני **רבינו שליט"א** להתברך בברכת לשנה טובה שנמשכה למשך זמן רב, בעוד שמאות רבות מתושבי העיר מגיעים להתברך בברכת הקודש.

ביום ראש השנה אחר קריאת התורה התקיים הברית של בן הר"ר **צבי אלימלך בלויא הי"ו**. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

לפני תפלת מוסף דרש **רבינו שליט"א** דברי התעוררות בגודל קדושת היום, ובמעלת יום טוב של ראש השנה שחל בשבת, שכל דינין מתעברין מינה, ואין צריכין לתקיעת שופר לבטל מדת הדין. וביום שבת קודש אנו מקבלים מלכות שמים בזכרון תרועה, באמירה בכוונה להמליך ה' על גופו ואיבריו לעשות רצון קונו.

וביום השבת שאין תוקעין בו בשופר, עולה נחת רוח לפניו, מזה עצמו שישראל קובעים לשמוע בדברי חכמים, שגזרו שלא לתקוע בשבת, ואנו שומעין לגזירת חכמים בכל עת, בכל גדרים וסייגים שעושים לדברי תורה, ומעוררים אתערותא דלעילא שגם הקב"ה ישמע לקול דברי חכמים המבקשים רחמים על ישראל.

בדבריו המליץ **רבינו שליט"א** כלפי מעלה, בגודל השפעת הגויים שאנו מסתובבים ביניהם, המקרר לב האדם מעבודת הבורא, ומתרבה משנה לשנה, ויושר יליצו בעדינו חיות אש, היינו המלאכים שירדו לסדום להמטיר עליהם אש, שנתקלקלו וחטאו בדיבורם (ב"ר נ-ט), שטומאת סדום השפיעה עליהם לרעה.

**רבינו שליט"א** סיים דבריו, לעורר רחמים על המצב הקשה בעולם, המגפה שפגעה בכל העולם כולו, אשר כמה צדיקים נעדרו, והבתי מדרשות והישיבות והתלמוד תורה היו סגורות, והרבה בני אדם ירדו מנכסיהם, ועתה היא הזמן לפעול רחמי שמים על השנה הבאה לטובה.

**רבינו שליט"א** התפלל תפלת מוסף לפני התיבה בהתעוררות עצומה ובהשתפכות הנפש כבן המתחטא לפני אביו, ובפרט באמירת פסוקי זכרונות וכו'.

במשך התפלות ביום א' דראש השנה אמר **רבינו שליט"א** הקדישים, לרגל יומא דהילולא של **כ"ק מרן רבינו בעל עזר מיהודה זצוק"ל**.

*

***יום ב' דראש השנה***

לפני התקיעות דרש **רבינו שליט"א** דברי התעוררות בקדושת היום, ואנו תוקעין בתרועה, שרומז על תרועה

של שמחה, מרוב השמחה בדביקות ה׳ וקיום מצותיו. ועצם הדבר אשר לבבינו כואב על הריחוק מהשי״ת, ומבקשים רחמים מלפניו, מעורר שמחה, אשר רוח קדשו פועם בקרבנו, ואין אנו מושלכים לפניו. ויש להתעצם בהתפלות ביתר שאת, וגם כל הבקשות גשמיים עיקרם הוא עבור צורכי ה׳, להרחבת הדעת ללמוד ולהתפלל לעבודת ה׳.

אחר הדרשה עלה **רבינו שליט״א** על הבימה לתקיעת שופר, והתחיל באמירת למנצח לבני קרח מזמור, ופסוקי מן המצר וכו׳, ואחר כך המשיך בתפלת מוסף לפני התיבה בהתעוררות עצומה ובהשתפכות הנפש כבן המתחטא לפני אביו, ובפרט באמירת פסוקי זכרונות וכו׳.

טרם נטות צללי ערב הלך **רבינו שליט״א** לאמירת תשליך, ואמר פסוקי מי א-ל כמוך וגו׳, ומזמור שיר המעלות ממעמקים פסוק בפסוק. אחר אמירת התפלות ניער שולי בגדיו כנהוג.

*

***<u>יום שלישי פרשת האזינו ב׳</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט״א** תפלין לבן הר״ר **אלי׳ שלמה קרעמער** הי״ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט״א** אל עבר הבית החיים בעיר ניו דזשערזי, להתפלל ליד ציון אביו **כ״ק הגה״צ מסאמבאטהעלי זצוק״ל**. משם המשיך **רבינו שליט״א** לבית החיים של קהלתנו הק׳ בניו דזשערזי, להתפלל אצל ציוני **כ״ק מרנן רבני קהלתינו זצוק״ל**.

בדרך חזרה נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת הר״ר **משה בינעט** ע״ה.

אחר כך הגיע **רבינו שליט״א** לבית הרבני הנגיד רבי **אהרן הערש עלבויגען** הי״ו, שם שהה משך כמה שעות לקבל את קהל אנשי שלומינו לברך ולהתברך לקראת ימי הרחמים והרצון.

*

***<u>יום רביעי פרשת האזינו ב׳</u>***

אחר סליחות נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודה. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר״ר **משה נתנאל** (ב״ר אברהם מנחם) **פרענקל** הי״ו. **רבינו שליט״א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט״א** אצל הברית של בן הר״ר **יהודה** (ב״ר שמואל זאנוויל) **מארקאוויטש** הי״ו (חתן הר״ר יקותיאל יהודה פריינד הי״ו), שהתקיים בבית המדרש סאטמאר 53. **רבינו שליט״א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית הגיע **רבינו שליט״א** לניחום אבלים אצל משפחת הר״ר **יוסף צבי פליישער** ע״ה.

אחר כך חזר **רבינו שליט״א** לוויליאמסבורג ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר״ר **שלום ראזענפעלד** הי״ו, שהתקיים בבית המדרש תורת חיים וויזניץ.

אחר הברית נכנס **רבינו שליט״א** לחדרו של **כ״ק האדמו״ר מוויזניץ ומסב״ג שליט״א**.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**רבינו:** איך האב הנאה אז מען קען זיך טרעפן פאר יום טוב מקבל צו זיין א ברכה. עס איז געהויבענע טעג.

**האדמו״ר מוויזניץ:** עס שטייט אין מדרש אז ביי א ברית איז אויך דא כפרת עונות. תחת אשר קנא לאלקיו ויכפר על בני ישראל. דער **בני יששכר** (באגרא דפרקא אות קמו) ברענגט עס פון **רבי שלמה בערלינער** בשם א מדרש.

עס האט מיר געזאגט רבי אברהם מאנדעל, ער האט געפירט א חבורה פון שמירת הלשון אלץ בחור דא אין אמעריקא, און ער איז געווען אין ארץ ישראל אויף די הייליגע טעג ביים זיידן דער **אמרי חיים זצ״ל**, און פארן אהיימקומען האט ער געזאגט פארן אמרי חיים, אז ער האט א חבורה פון שמירת הלשון, וואס קען ער עפעס איבערזאגן פאר זיי. האט אים דער אמרי חיים געזאגט, זאג זיי אין מיין נאמען, אז אויב זיי וועלן האבן א אפגעהיטענע מויל, וועלן זיי האבן סיי עולם הזה און סיי עולם הבא. און ער האט מיט דעם געזאגט א רמז, אז מען זאגט ביי א ברית, ואומר לך בדמייך חיי, ואומר לך בדמייך חיי, צוויי

מאל. בדמי"ך איז א לשון פון וידום אהרן (ויקרא י-ג), א לשון פון שווייגען. בדמיך חיי בדמיך חיי, אויףביידע וועלטן, סיי די וועלט און סיי יענע וועלט.

**רבינו:** אין פסוק (תהלים לד-יג) שטייט דאך, מי האיש החפץ חיים, אוהב ימים לראות טוב, נצור לשונך מרע. איז דאך אויך משמע ביידע, חיים מיינט לעולם הבא, און אוהב ימים לראות טוב, גייט ארויף אויף די וועלט.

**האדמו"ר מוויזניץ:** מען קען זאגן בפשטות, ווען א מענטש האט א אפגעהיטענעם מויל, שפארט ער זיך איין עגמת נפש, מיט מחלוקת, וואס נעמט אוועק דעם עולם הזה. פון איין ווארט קען ווערן א גאנצע פייער.

**רבינו:** דער **אור החיים הק'** שרייבט (פ' פנחס ד"ה לפוה משפחת הפוני), אז דער מויל פון א מענטש איז דער כלי שרת פאר זיין תורה און תפלה, און א כלי שרת דארף זיין קודש.

**האדמו"ר מוויזניץ:** מען ברענגט דארט דעם ירושלמי (שבת א-ב), אז רבי שמעון בן יוחאי האט געזאגט, ווען איך וואלט געווען ביים בארג סיני וואלט איך געבעטן אז דער אייבערשטער זאל געבן צוויי עקסטערע מיילער. איין מויל צו לערנען, און איין מויל צו רעדן צרכי ביתו.

עס איז דא א לאנגע אריכות אין **אלשיך הק'** (פ' תצוה) ביי די פרשה פונעם מעיל, מעיל איז דאך מכפר אויף לשון הרע (ערכין טז.). און צום סוף פירט ער אויס, אז דער פסוק זאגט ביים מעיל (שמות כח-לה), והיה על אהרן לשרת ונשמע קולו בבואו אל הקודש. זאגט ער, אז די מעיל האט דאך די פעמון וואס גיט ארויס א קול. 'והיה על אהרן לשרת', אויב דער גאנצער קול וועט נאר זיין צו באדינען דעם אייבערשטען, מען וועט נישט נוצן די מויל פאר עפעס אנדערש, 'ונשמע קולו בבואו אל הקודש', ווען ער וועט אריינקומען אין בית המדרש און ער וועט בעטן דעם אייבערשטען, וועט דער קול ווערן אויסגעהערט.

**רבינו:** ער טייטשט אויך, 'לא יחל דברו' (במדבר ל-ג), ווען א מענטש היט זיך דעם דיבור, איז 'ככל היוצא מפיו', וואס ער זאגט ארויס מיטן מויל, 'יעשה', וועט דער אייבערשטער טון.

**האדמו"ר מוויזניץ:** צדיק גוזר והקב"ה מקיים (מועד קטן טז:).

**רבינו:** כמדומה איך האב געזעהן אמאל א סלאנימער ווארט, אויף דעם בקשה פון רבי שמעון בן יוחאי, אז נאכדעם האט רבי שמעון בן יוחאי געזאגט, אז מה דאך ווען מען האט איין מויל, דעמאלטס רעדט מען, ווען מען וועט האבן צוויי, וועט מען אסאך מער רעדן. האט ער געזאגט, ווען א מענטש וואלט געהאט צוויי מיילער, איינס פאר תורה און איינס פאר דברי חול, וואלט ער זיך קיינמאל נישט געכאפט אז די דברי חול וואס ער רעדט, איז אפשר נישט אויסגעהאלטן. אבער ווען ער נוצט די זעלבע מויל נאכדעם צו לערנען און צו דאווענען, און ער זעהט אז עס גייט אים נישט, כאפט ער זיך פון דעם אז זיי האבן גערעדט זאכען וואס מען דארף נישט. ווען עס וואלט געווען אפגעטיילט וואלט ער קיינמאל נישט באמערקט, דאס איז קודש און דאס איז חול. אבער אז מען דארף נוצן די זעלבע מויל אויף חול און קודש, גיט מען זיך אכט דערויף, מען שפירט מער.

**האדמו"ר מוויזניץ:** זיי טייטשן אויך פונעם סלאנימער, דברנו דופי, 'דו' מיינט צוויי (עירובין יח.), מען איז זיך מתוודה, אז 'דברנו', מיר האבן גערעדט, 'דופי', אזוי ווי מיר וואלטן געהאט צוויי מיילער. ווען מען האט איין מויל דארף מען זיך מער אכטונג געבן, וויל מיט דעם גייט מען לערנען און דאווענען, אבער אונז רעד מיר מיטן מויל, אזוי ווי אונז וואלט מיר געהאט צוויי עקסטערע מיילער.

**רבינו:** איך האב געזעהן טייטשן אז דברנו דופי גייט ארויף אויף אחד בפה ואחד בלב, עס איז 'דו פי', די הארץ מיטן מויל זענען נישט די זעלבע (כן הוא באבודרהם).

**האדמו"ר מוויזניץ:** דער **אור פני משה** ברענגט א ווארט, מוצא שפתיך תשמור ועשית כאשר נדרת לה' אלקיך (דברים כג-כד). זאגט ער, יעדער יוד שווערט דאך א שבועה פארן אייבערשטען פאר ער קומט אראפ אויף די וועלט, תהי צדיק ואל תהי רשע (נדה ל:). זאגט ער, אויב א יוד האט א אפגעהיטענעם מויל, איז זיכער אז ער איז מקיים די שבועה וואס ער האט געשוואוירן. אויב עס איז מוצא שפתיך תשמור, אויב דו וועסט אפהיטן דיין מויל, יעדע זאך וואס דו זאגטס ארויס מיט דיין ליפן, איז 'ועשית כאשר נדרת לה' אלקיך', וועסטו קענען מקיים זיין די שבועה וואס דו האסט געשוואוירן פארן אייבערשטען.

**רבינו:** דער פסוק ענדיגט דארט, נדבה אשר דברת בפיך. עס שטייט אויך אין הייליגע ספרים, אז ווען א מענטש ווייסט אז וואס ער קען רעדן מיטן מויל איז נאר א נדבה פונעם אייבערשטען, גיט ער אכט אויף די מתנה. דו זאלסט געדענקן, אז עס איז א 'נדבה

אשר דברת בפיך', דאס אז דו קענסט רעדן, דאס אליין איז א נדבה פונעם אייבערשטען.

**האדמו"ר מוויזניץ:** דאס איז שייך ביי אלעמען, די אויג איז אויך א נדבה. אז מען קען זעהן מיט די אויג, איז אויך א נדבה, און אז מען קען הערן מיט אויערן, אלעס איז א נדבה.

דער **סקווערער זיידע ז"ל** פלעגט פארן מיט ר' דניאל גאלדשטיין פון סקווירא, און פרייטאג נאכמיטאג פלעגט ער פארן מיט אים אין מקוה, אין סקווירא אליין איז דא א מקוה, און דער סקווירא רבי ז"ל פלעגט פארן מיט אים אין מקוה פרייטאג. איינמאל האט מען זיך אריינגעזעצט אין קאר, און מען האט געדארפט עפעס פארן אויף צוריק. און די יונגלעך זענען דארט געשטאנען, און די יונגלעך האבן געזאגט, בע"ק א"פ. דער זיידע ז"ל האט נישט פארשטאנען דאס ווארט, און ער האט געפרעגט, וואס זאגן דארט די קינדער. האט ר' דניאל געמאכט אזא ווערטל, און ער האט געזאגט, אז די קינדער זאגן מיר אז איך זאל תשובה טון, איך זאל צוריקקוקען. האט דער זיידע ז"ל זיך אנגערופן, אז די וועלט מיינט אז תשובה איז א בער, תשובה איז נישט מער ווי א קער. מען דארף זיך אוועקקערן, מען דארף אוועקגיין אויף א אנדערע וועג. איך מיין אז דער לשון איז שוין א פריערדיגער מימרא.

**רבינו:** כרחוק מזרח ממערב הרחיק ממנו את פשעינו (תהלים קג-יב), אזוי ווי ווען מען וויל זיך אויסדרייען פון מזרח צו מערב, דארף מען זיך נאר געבן איין דריי, אזוי איז הרחיק ממנו פשעינו.

**האדמו"ר מוויזניץ:** איך האב אמאל געהערט א ווארט פון אייער נאמען, כי חוק לישראל הוא, משפט לאלקי יעקב (תהלים פא-ד). חוק מיינט דאך פרנסה, הטריפני לחם חוקי (משלי ל-ח), רבונו של עולם געב פרנסה פאר יודען, נאכדעם וועט זיין משפט לאלקי יעקב. ווילאנג יודען האבן נישט קיין פרנסה, עס איז דא א דחקות מיט ארימקייט, קענסטו נאכנישט משפט'ן. עניות איז מעביר על דעת קונו (עירובין מא:). געב זיי פרנסה, נאכדעם קענסטו זיי משפט'ן (עיין **שמן ראש** לימים נוראים ח"א דף מ, ח"ב דף ג).

**רבינו:** דער באשעפער זאל משפיע זיין פארן גאנצן כלל ישראל.

**האדמו"ר מוויזניץ:** זיי שרייבן טאקע, פן תאכל ושבעת, אז מען וועט געבן פאר יודען צו עסן, אויף זאט צו ווערן, ובתים טובים תבנה וישבת, דו וועסט זיי בויען גוטע הייזער, וועסטו זעהן, ורם לבבך, זיי וועלן האבן א התרוממות הלב, ושכחת את ה' אלקיך (דברים ח-יב), ושכחת איז א לשון פון שכיח, דער אייבערשטער וועט זיין שכיח ביי יודען, ווען זיי וועלן האבן פרנסה בהרחבה.

**רבינו:** צרכי עמך ישראל מרובים, ודעתם קצרה. דער אייבערשטער דארף געבן.

**האדמו"ר מוויזניץ:** ברוחניות ובגשמיות.

א גוט געבענטשט יאר, א כתיבה וחתימה טובה, די תפלות זאלן נתקבל ווערן לרחמים ולרצון, מען זאל קענען משפיע זיין פאר די עדה.

**רבינו:** פארן רבי'ן אויך אי"ה, מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה, און עס זאל גרינג אנקומען אלעס, מתוך שמחה וטוב לבב.

**האדמו"ר מוויזניץ:** אמן.

*

אחר כך הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים לכבוד הברית ביחד עם **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ ומסב"ג שליט"א.**

***וזה תוכן השיחה:***

**האדמו"ר מוויזניץ:** דער רב האט געזאגט א תקיעת שופר דרשה?

**רבינו:** יא. א רב דארף דאך זאגען.

**האדמו"ר מוויזניץ:** ביידע טעג?

**רבינו:** איך האב געזאגט ביידע טעג.

**האדמו"ר מוויזניץ:** אפילו עס איז נישט געווען קיין תקיעת שופר.

**רבינו:** עס איז געווען חילוקי מנהגים אין דעם. א טייל האבן געזאגט דעם ערשטען טאג, און א טייל האבן געזאגט דעם צווייטען טאג.

**האדמו"ר מוויזניץ:** בכלל, אדער נאר ווען עס איז געפאלען אין שבת?

**רבינו:** נאר ווען עס איז געפאלען אין שבת.

אין וויזניץ האט מען געזאגט?

**האדמו"ר מוויזניץ:** ניין. נישט פאר תקיעת שופר, און נישט פאר כל נדרי, און נישט הושענא רבה.

**רבינו:** אפילו ווען זיי זענען געווען רבנים אויך נישט?

**האדמו"ר מוויזניץ:** ניין. נאר שבת, פרייטאג צו נאכטס און שלש סעודות.

**רבינו:** דער **סאטמארער רב**, אינדערהיים, האט געזאגט צוויי מאל. ער איז געגאנגען קודם אין די שטאטישע שול, און ער האט געזאגט. און נאכדעם איז ער צוריקגעקומען צו זיך אין בית המדרש, און געזאגט א צווייטע מאל.

**האדמו"ר מוויזניץ:** דער טאטע ז"ל פלעגט פארציילן, אז עס איז געווען א יוד וואס האט געהייסען ר' מרדכי חנא, און עס איז געקומען א יוד קיין גרויסווארדיין אויף ראש השנה צום **אהבת ישראל**, און ער האט געפרעגט ר' מרדכי חנא צו מען זאגט א דרשה פאר תקיעת שופר. האט ער אים געזאגט, יא. ווען מען האט אנגעהויבן למנצח לבני קרח מזמור, האט דער יוד געפרעגט, דו האסט דאך מיר געזאגט אז מען זאגט א דרשה. האט ער אים געזאגט, יא יא, דו וועסט באלד הערן די דרשה. ווען דער אהבת ישראל האט אנגעהויבן צו זאגן למנצח לבני קרח מזמור, האט ער אים געזאגט, נו, דו הערסט די דרשה... ער פלעגט זיך אויסדריקען אז בשעת דער אהבת ישראל האט געזאגט, כי ה' עליון נורא, האט זיך געדאכט ווי מען זעהט עס. אז די הימלען עפענען זיך אויף, און מען זעהט כי ה' עליון נורא.

**רבינו:** מען האט געזאגט די גאנצע הויך?

**האדמו"ר מוויזניץ:** פון די זיבן מאל, האט ער פיר מאל געזאגט שטיל, און דריי מאל הויך. רש"י ברענגט צו אויפן פסוק (דברים ד-לה) אתה הראת לדעת, אז עס האט זיך געעפענט די הימלען, און מען האט געזעהן אז ה' הוא האלקים.

**רבינו:** אפילו אויף עס צו הערן דארף מען אויך זיין א בעל מדרגה, נישט נאר אזוי צו זאגען.

**האדמו"ר מוויזניץ:** דער **אמרי חיים** האט צוגעלייגט אויף די מעשה, ואני אגיד לעולם, אזמרה לאלקי יעקב (תהלים עה-י). ואני אגיד לעולם, איך זאג א דרשה פארן עולם, אזמרה לאלקי יעקב, ווען מען זאגט, זמרו לאלקים זמרו, ווען מען זאגט למנצח לבני קרח מזמור, דעמאלטס זאג איך די דרשה.

**רבינו:** איך קען נישט זאגן אזוי כי ה' עליון, מוז איך זאגען א דרשה..., מען זאגט די דרשה פאר זיך אליין, מען זאגט עס נאר הויך, אז א צווייטער זאל עס אויך הערן.

**האדמו"ר מוויזניץ:** עס שטייט פונעם **אמרי יוסף**, צו פון אנדערע, כשופר הרם קולך (ישעיה נח-א), ווען מען בלאזט שופר, בלאזט מען דאך נישט נאר יענעם מוציא צו זיין, מען וויל אליין אויך יוצא זיין. די זעלבע זאך, 'הרם קולך', בשעת מען זאגט א דרשה, דארף מען זיך אויך אינזין האבען.

מיין טאטע ז"ל איז אמאל געווען אויף א פלאץ, עס איז געווען א התעוררות דרשה, און מען האט אים געמוטשעט אז ער זאל רעדן, און ער האט געהאט א סיבה פארוואס ער האט נישט געוואלט רעדן. האט מען אים געזאגט, אז עס איז נישט קיין שום ספק, אז אויב דער רבי וועט רעדן, וועט דער עולם ווערן נתעורר פון דעם. האט ער געזאגט, אז עס איז נישט קיין שום ספק, אז אויב איך וועל זאגען א דרשה פאר כל נדרי, וואלט אויך געווען א התעוררות, און פון דעסטוועגן דאך זאג איך נישט.

אין סקווירא זאגט מען אויך נישט א דרשה. אין בעלזא פלעגט מען זאגען א דרשה פאר תקיעת שופר?

**רבינו:** איך מיין אז יום כיפור זאגט מען. דער **בעלזער רב** פלעגט קודם רעדן פאר די פרויען, ער פלעגט זיי זאגען געציילטע ווערטער, און נאכדעם האט ער געזאגט א דרשה אין בית המדרש.

**האדמו"ר מוויזניץ:** דער רב האט געקענט פערזענליך דעם בעלזער רב?

**רבינו:** ניין. מיין ברודער (כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א) איז געווען די לעצטע הייליגע טעג, תשי"ז.

**האדמו"ר מוויזניץ: מיין טאטע ז"ל** פלעגט אייביג זאגען, אז ער איז געווען ווען דער זיידע [**הגה"ק מסערדאהעלי זצ"ל**] האט געדאווענט פארן עמוד מנחה ערב שבת אין בעלזא. מיין טאטע איז געווען צוויי שבתים, די צווייטע מאל איז ער געווען אויף שבת סליחות.

**רבינו:** ווען ער פלעגט עס מיר זאגען, פלעגט ער צוגעבן, אז דער בעלזער רב האט געדאווענט שנעל, און דער בעלזער רב האט אויסגעטרעטן, און דער זיידע האט נאך געהאלטן אינמיטן שמונה עשרה, און 'מען האט געזאגט' אז ער האט מפסיק געווען אינמיטן די שמונה עשרה, און אנגעהויבן די הויכע שמונה עשרה.

**האדמו"ר מוויזניץ:** ער האט געזאגט אויף זיך, אז דער בעלזער רב האט אים מכבד געווען מיט בענטשען שבת בייטאג, און ווען ער האט געהאלטן ביי הזן את הכל, האט דער בעלזער רב שוין געענדיגט, און דער טאטע האט מורא געהאט וואס עס גייט זיין, און דער בעלזער רב האט געוויסן אז ער דארף זיך נישט יאגען, ער קען בענטשען שטאט. מיין טאטע האט זיך אנגערופן, אז נישט, וואלט מען מיך צושטאכן מיט נאדלען.

**רבינו:** איך האב געהערט פון מיין טאטע ז"ל, אז ער איז געווען אין בעלזא אויף די הייליגע טעג, און דער בעלזער רב האט נאך דעמאלטס מקפיד געווען צו דאווענען פאר חצות. און שלש עשרה מדות איז ער אריינגעקומען צום דאווענען, און ער גיט א קוק אויפן זייגער, און עס איז געווען צען צו צוועלף.

האט ער זיך געוואשן די הענט, און ער האט אנגעהויבן צו דאווענען. צוועלף אזייגער האט מען שוין געהאלטן נאך די שמונה עשרה. מיין טאטע ז"ל האט מיר געזאגט, איך בין געשטאנען נעבן דעם בעלזער רב, און איך וועל דיר זאגן, ווי אזוי איך האב אים געהערט דאווענען. הללוי-ה, הללוי-ה, הללוי-ה, הללוי-ה, כל הנשמה תהלל י-ה הללוי-ה, אמר אויב ארדוף, אחד, ישתבח. אזווי ווי איך זאג עס דיר, אזוי האב איך עס געהערט.

**האדמו"ר מוויזניץ:** מיין טאטע פלעגט אויך אזוי זאגען, אלמלא ראיתיו לא האמנתי, ווען נישט איך זאל עס זעהן, וואלט איך נישט געגלייבט אז מען קען דאווענען אזוי שנעל. מיין טאטע איז געווען אויף די ערשטע טעג סליחות, און דער בעלזער רב האט געזאגט תהלים פארן עמוד, און מיין טאטע האט געזאגט, אז ער האט נישט געקענט מיטהאלטן, אזוי שנעל האט ער געזאגט. אינמיטן האט ער זיך אפגערוהט, און דעמאלטס האט ער נאכגעיאגט.

איך וויל נישט אויפהאלטן, מען גייט נאך זינגען א ניגון... מען זאל האבן א גמר חתימה טובה, די תפלות זאלן נתקבל ווערן לרחמים ולרצון.

*

בשעות הערב קיבל **רבינו שליט"א** קהל אנ"ש לברך ולהתברך לקראת ימי הרחמים והרצון.

*

***<u>יום חמישי פרשת האזינו ב'</u>***

אחר סליחות נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בית מדרשנו זכרון יהודה. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **שמואל** (ב"ר **חיים זאב**) **שאהנבערגער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **יואל** (בר"ש) **פייערווערקער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד בסנדקאות ובמוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברות קודש:</u>***

**די** משנה (יומא יח.) זאגט, אז זיבן טעג פאר יום כיפור האט מען מפריש געווען דעם כהן גדול, און ווען עס איז געקומען ערב יום כיפור, האט מען געשטעלט דעם כהן גדול בשער המזרח, ומעבירין לפניו פרים ואילים וכבשים, מען האט אדורכגעפירט די בהמות וואס מען דארף צו טון דערמיט די עבודה יום כיפור, כדי שיהא מכיר ורגיל בעבודה. די פשוטע פשט איז, אז בשעת עס איז אדורכגעגאנגען די בהמה, און ער האט געזעהן דעם פר, האט ער געטראכט וואס מען דארף טון מיט דעם פר, און וואס מען דארף טון מיטן איל, וואס עס איז די עבודה דערמיט, ווי אזוי מען דארף עס מארגען שחט'ן, וואס מען דארף טון מיט די זריקת הדם, עס שטייט נישט, אז מען האט געלערנט מיט אים וואס ער דארף צו טון, דער כהן גדול האט געוואוסט פאר דעם אויך. ער האט נאר געדארפט איבער'חזר'ן פאר זיך, כדי ער זאל זיין מכיר ורגיל בעבודה, עס זאל נישט קומען פלוצלינג. האט מען אדורך געפירט פאר אים די פרים אילים וכבשים. ווייל ווען א מענטש זעהט א זאך, ווערט ער נתעורר דערפון, וואס ער האט צו טון דערמיט ווייטער.

**עס** איז דא א ווארט פון **רבי שמעון סופר זצ"ל**, דער **קראקער רב**, ותמונה אינכם רואים זולתי קול (דברים ד-יב), דער פשוט'ער פשט איז, ווען מען איז געווען ביים בארג סיני, האט מען נישט געזעהן קיין שום תמונה, מען האט נאר געהערט א קול פונעם אייבערשטען. זאגט ער, וואס א מענטש זעהט, וואס עס קומט אים פאר די אויגן צו זעהן, האט דער אייבערשטער אים צוגעפירט, אז ער זאל זיך עפעס אראפלערנען דערפון, ווייל אז נישט וואלסטו עס נישט געזעהן. אז דער אייבערשטער פירט צו אז א מענטש האט געזעהן א געוויסע זאך, איז עס נוגע פאר אים. פונעם **בעל שם טוב הק'** שטייט, אז מען זעהט ווי אזוי א מענטש טוט א עבירה, איז א סימן אז ער האט אויך פון די עבירה, און ער דארף אויך תשובה טון דערויף. און אפילו א דיבור וואס מען הערט אז יענער רעדט, איז דער דיבור אויך נוגע פאר אים. זאגט ער, 'ותמונה אינכם רואים', א מענטש זעהט נישט קיין בילד, 'זולתי קול', וואס זאל נישט האבן אין זיך א קול וואס רעדט צום מענטש. די תמונה וואס ער זעהט, דאס רעדט צו אים. עס זאגט אים, דו האסט געזעהן דא עפעס, לערן דיך אראפ דערפון וואס עס איז נוגע פאר דיר צו עבודת ה'.

**און** אזוי איז געווען ווען מען האט מעביר געווען פארן כהן גדול די פרים און די אילים און די כבשים,

דאס האט געערדט צום כהן. ווען דער כהן האט עס געזעהן, האט ער זיך מתבונן געווען דעריין, יעדע קרבן איז דא געוויסע לימודים וואס מען לערנט אראפ דערפון. א מענטש דארף טראכטן אז ער וואלט אליין געדארפט זיין דער קרבן פארן אייבערשטען. און דורך דעם וואס מען האט עס מעביר געווען, איז ער געווען מכיר ורגיל בעבודה, מיט דעם האט ער מכיר געווען זיין עבודה וואס ער דארף צו טון.

**דער** אייבערשטער העלפט, מען איז מכניס א קינד בבריתו של אברהם אבינו, און מען קומט זיך צוזאם די גוטע פריינד אויך, עס איז נישט נאר אז מען זיצט ביי א סעודת ברית מילה, עס איז זולתי קול, עס איז דא אין דעם א קול אויך. - אין ארץ ישראל איז געווען א גרויסער מוהל, ער האט געהייסען רבי יוסף ווייסבערג, ער האט גע'מל'ט טויזנטער קינדער. האט ער מיר אמאל פארציילט, אז ער האט געהאט א ברית ביים **גערער רבי**, דער **בית ישראל**. דער בית ישראל איז געווען זייער א שארפער, און ווען ער איז אנגעקומען צום ברית, זאגט ער פאר דעם מוהל, ר' יוסל, ווען וועסטו זיך אליין מל'ן? האט ער פארשטאנען וואס ער מיינט, זאגט ער, רבי, עס שטייט (דברים ל-ו) ומל ה' אלקיך את לבבך, עס איז נישט מיין ארבעט, עס איז דעם אייבערשטענס. זאגט אים דער בית ישראל, ניין, עס שטייט (שם י-טז) ומלתם את ערלת לבבכם, און זיך נישט פארלאזן אויפן אייבערשטען.

**קומט** אויס, אז א ברית מילה דערמאנט אויך עפעס, עס רעדט צו אונז, עס דערמאנט אז עס נוגע פאר יעדן יוד, ומלתם את ערלת לבבכם. מען האט פריער געהערט, אז ברית מילה איז די הכנה אז עס זאל קענען זיין ומלתם את ערלת לבבכם. ותמונה אינכם רואים, מען זעהט נישט קיין שום זאך, זולתי קול. אין די טעג, אז עס קומט אויס א ברית מילה, רעדט עס צו אונז אויך, אז עס דארף זיין ומלתם את ערלת לבבכם.

*

בשעות הערב המשיך **רבינו שליט"א** לקבל את קהל אנ"ש לברך ולהתברך לקראת ימי הרחמים והרצון.

*

### *שבת קודש פרשת האזינו ב'*

בשעות אחר הצהרים התקבצו קהל רב וגדשו את היכל הבית המדרש לשמוע את דבר ה' בדרשת שבת שובה של **רבינו שליט"א**. **רבינו שליט"א** התחיל בדברי אגדה ודרש בסוגיא דמילה דוחה שבת (שבת קו.), ופלפל בכמה אנפין בענין ועוד.

והמשיך בדברי אגדה ומוסר בגודל מעלת התשובה, ולהתבונן בתכלית החיים, ושלוות הנפש שדרכי התורה מביאה להאדם, והוא תענוג נצחי, ולא להחליפו בעולם עובר ברדיפה אחר התאוות, והכלים הטעכנאלאגיים המעבירים את האדם על דעתו, ודרכי התורה מאושרים בעולם הזה ובעולם הבא.

בדבריו עורר **רבינו שליט"א** בגודל החורבן של כלי הטעכנאלאגיע, אשר חז"ל אמרו (נדרים כ.) הבושה מביאה האדם לידי יראת חטא, ובימינו אלה הרגילים בכלי הטעכנאלאגיע, עצם הקשר על ידי טעקסט העביר הרבה ממדת הבושה. בדרך כלל כשמדברים להאדם יש קצת גבול איך לומר ואיך לדבר, לא כן בטעקסט כותב ורושם דברים בלי שום בושה. ומכל שכן המקושרים בחבורות השונות נפרץ גדר הבושה לגמרי. בדרך כלל כשמדברים אחד לחבירו יש נימוס אנושי על הנקיות בהדיבור, ומתבייש מלדבר ניבול פה בגלוי, ומכל שכן להראות תמונה שאינה הוגנת. ובהשתמשות בכלים אלו מסירין מעצמן מדת הבושה, עד שמרוב ההרגל נאבד ממנו סימני היהודים, אשר שלשה סימנים יש באומה זו, רחמנים וביישנים וגומלי חסדים (יבמות עט.). ולא מתבייש מלחפש בהכלים הללו דברים שהם איסורים של גופי תורה.

לראות תמונה של אשה נעשה לו כהיתר גמור, וכמה גדול הוא המרחק אצלו מימי נעוריו כשהתנהג בקדושה, וכמה נתקרר כבר מקירבת אלקים, אשר בימי קדם כאשר היה בא לפניו תמונה שאינה הוגנת היה מרעיד, ובימים ההם מההרגל שנעשה אצלו טבע היה פונה ראשו תיכף לצד אחר. וכעת הגיע לדרגא שלא מזדעזע עוד מצורה שאינה הגונה, ומדיבור ניבול פה לא מתגעל נפשו, עד שכמעט נעקר מלבו להתבונן, כי לפניו נגלו כל תעלומות והמון נסתרות שמבראשית, ואם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו נאום ה'.

ויש לנצל קדושת הימים עשרת ימי תשובה ויום הקדוש, לשוב אל ה' בתשובה אמיתית, ולזכות לאור מופלא רום

מעלה, נר דלוק על ראשינו, אשר נתון מלמעלה על ראש בעלי תשובה (רש"י סנהדרין לא:), מאור ה' שזורח עליו.

* * *

**תוכן השיחה בביקור הרה"ג רבי חיים שלמה מיללער שליט"א לקבל ברכת הקודש לעת התעטרו לכהן ברבנות בק"ק נייטרא בוויליאמסבורג, יום ה' פרשת נצבים וילך תש"פ העעל"ט:**

**רבינו:** עס איז היינט א גרויסער טאג, כל העולה לגדולה מוחלין לו על כל עונותיו (סנהדרין יד.)[א].

**אב"ד נייטרא וומסב"ג:** עס שטייט אין **מהר"ל**, אז די גמרא (שם) זאגט אויף דריי מענטשן אז עס איז מוחלין לו על כל עונותיו. א חתן, און א גר שנתגייר, און איינער וואס איז עולה לגדולה. א חתן איז דאך פשוט, ער איז געווען א פלג גופא, און ער ווערט גאנץ, ער באקומט צו א חלק. א גר שנתגייר איז דאך כקטן שנולד, איז פשוט אז עס איז מוחלין לו על כל עונותיו. זעהט אויס, אז איינער וואס איז עולה לגדולה איז אויך א נייע מציאות, אזוי ווי די צוויי. אז די גמרא שטעלט עס צוזאם, מיינט דאך דאס אז עס

[א] נעתיק דברי **רבינו שליט"א** בדרשת הכתרה יום א' פרשת כי תצא, ח' אלול תשנ"ב לפ"ק: יום גדול וחשוב הוא היום הזה לפני, ידוע מאמרם ז"ל כי העולה לגדולה מוחלין לו עונותיו, ומקורו הוא בירושלמי (ביכורים ג-ג) ברבי זעירא שהיו רוצין למנותו לזקן, ולא רצה לקבל מפני ענותנותו, וכד שמע האי ברייתא דתני, חכם חתן נשיא גדולה מכפרת, קיבל עליו להתמנות. ודרשוהו מקרא שנאמר מפני שיבה תקום והדרת פני זקן (ויקרא יט-לב), מה כתיב בתריה וכי יגור אתכם גר בארצכם, מה הגר מוחלין לו על כל עונותיו, אף חכם שנתמנה מוחלין לו כל עונותיו ע"כ. וכן הוא בגמרא (סנהדרין יד.) דרבי זירא הוי מיטמר מלמיסמכיה, דאמר רבי אלעזר לעולם הוי קבל וקיים [הוי אפל ותחיה, כלומר הרחק מן הרבנות שמקברת את בעליה], כיון דשמעה להא דאמר רבי אלעזר אין אדם עולה לגדולה אלא אם כן מוחלין לו על כל עונותיו, אמצי ליה אנפשיה ע"כ.

היום הזה מתחיל דף חדש בחיי, כקטן שנולד דמיתי, נקי מכל חטא ועון, ואין לי רק להפיל תחינתי לפני בוראי ויוצרי, שאזכה להיות נקי גם להלאה ולא להתלכלך, וכמו שפירש **הגה"ק בעל אמרי אמת מגור זי"ע** מה שנאמר (דברים יז-יח) והיה כשבתו על כסא ממלכתו. אין והיה אלא לשון שמחה, שמחה יהיה כאשר המלך ישאר תמיד, כשבתו על כסא ממלכתו, כמו באותו רגע שבו עלה לגדולה, וישאף להשאר כל ימי חייו באותה מדריגה של טהרה וצדקות ודפח"ח.

איז די זעלבע. - מען דארף זעהן אז מען זאל עס נישט פארפאטשקענען.

**רבינו:** א רב מיט א קהלה איז אויך א זיווג, עס איז א מקבל מיט א משפיע. איך פארצייל אסאך מאל נאך, אז **הרב וואזנער זכרונו לברכה** האט מיר געזאגט, אז מען האט אים אנגעטראגען די רבנות דא אין וויען, פאר דעם פריערדיגען רב (אחר פטירת **הגה"ק רבי יונתן שטייף זצוק"ל**). און ער האט געפרעגט דעם **סאטמארער רב** צו ער זאל עס אננעמען, צו נישט. און דער סאטמארער רב האט אים געזאגט, אז א רב מיט א קהלה איז אזוי ווי א זיווג, און צו וויסן צו א מענטש איז פאסיג צו דעם מקום, דארף מען וויסן די שורש נשמה פונעם רב, און די שורש נשמה פון די אנשי הקהלה. און אזוי ווי איך קען דאס נישט, קען איך נישט אויף דעם מייעץ זיין[ב].

**א' מטובי ק"ק נייטרא:** אונזער רב ז"ל האט אונז פארציילט, ווען מען איז אים געגאנגען אויפנעמען,

[ב] נעתיק השיחה בעת ביקורו של **רבינו שליט"א** אצל **הגאון רבי שמואל הלוי וואזנער זצ"ל** יום ב' פרשת וישב תש"ע לפ"ק:

**רבינו:** דער רב זאגט דאך, אז מען האט פארן רב אויך אנגעטראגען דאס רבנות דארט אין עדת יראים.

**הגר"ש זצ"ל:** יא.

**רבינו:** דער רב בענטשט גומל ...

**הגר"ש זצ"ל שחק ואמר:** דער אייבערשטער האט אזוי געפירט. דער **בעל דברי יואל**, דער **סאטמארער רב ז"ל** איז געווען א גרויסע ידיד מיינער, א פערזענליכער ידיד, און פאר פופציג יאהר, נאך די פטירה פון **רבי יונתן** [**שטייף זצ"ל**, שאז הציעו לו את נזר הרבנות בקהלתינו הק'], האב איך געזאגט דעם סאטמארער רב, איר זאגט מיר יא אדער ניין. האט ער מיר געזאגט, ווען איך וואלט געווען אן אדם גדול פאר זיך, און וואלט געקענט דער שורש נשמה פון די יודען דארט אין אמעריקע, און די שורש נשמה פון די יודען דא, וואלט איך געזאגט צו אייער שורש נשמה פאסט דא אדער דארט, היינט אז איך בין נישט קיין אדם גדול צו וויסען, זאג איך אייך, נאר אליהו הנביא קען פסקנ'ן די שאלה, אזוי האט ער מיר געזאגט. האב איך פון דעם ארויסגענומען א ראיה צו מיין מחשבה צו בלייבן דא, און נישט געוואלט בשום אופן גיין.

באחד הביקורים אחר שסיפר **הגר"ש וואזנער זצ"ל** ליבלחט"א **רבינו שליט"א** ענין הנ"ל, אמר לו **רבינו שליט"א**, הרי כאן בארה"ק זכה להרביץ תורה באופן נעלה, ונעשה לרב רבנן ורבן של כל בני הגולה, נענה הגאון זצ"ל ואמר שאכן אינו מתחרט על שלא קיבל את הרבנות שם, אבער איך האב הנאה אז אונזער ידיד אכן זכה לשמש בנזר הרבנות בקהילה קדושה זו, תוך שהוא אוחז בידי רבינו בחביבות יתירה ומופלגת.

איז ער דעמאלטס געווען אין יאר פון זיין טאטע (), זיין טאטע איז געווען רב אין סאבאסלוי (מאנטריאל), עס איז געווען אביסל א מאדערנע קהלה. און אונזער רב פלעגט אהינצוגיין אויף ימים נוראים, ער פלעגט זיין דארט דער בעל תפלה. און ווען זיין טאטע איז אוועק, האבן זיי אים געבעטן אז ער זאל קומען קיין מאנטריאל, און איבערנעמען דעם בית המדרש. איז ער געגאנגען פרעגן דעם רבי'ן [הרה"ק מסאטמאר]. האט ער אים געזאגט, אז ער זאל נאך ווארטן. ער האט פארשטאנען פון דעם אז עס איז נישט פאר אים.

**אב"ד נייטרא וומסב"ג:** איך האב געהערט א גירסא, אז דער סאטמארער רב האט אים געזאגט, עס ווארט דיר עפעס בעסער'ס.

**א' מטובי ק"ק נייטרא:** און ווען אונז האב מיר אים אנגעטראגען איז ער געגאנגען נאכאמאל פרעגן, האט ער געזאגט, אז ער זאל עס אננעמען.

**אב"ד נייטרא וומסב"ג:** עס איז א קאמפלימענט פאר די קהלה.

**רבינו:** איך האב געזאגט פאר הרב וואזנער, שוין אויף די עלטער, אז ער דארף נישט חרטה האבען... ער האט מער מצליח געווען אויף די פלאץ ווי ער איז געווען, ווי ער וואלט מצליח געווען דא.

**אב"ד נייטרא וומסב"ג:** ער האט מצליח געווען מיט די תשובות ספרים.

**רבינו:** ער האט געהאט א ישיבה, און ער איז געווען איינגעזעהן אין גאנץ ארץ ישראל, ביי די ליטווישע, און אין די וועלט.

**אב"ד נייטרא וומסב"ג:** מיין טאטע (הגה"צ אב"ד אייזענשטאדט שליט"א) האט מיר געזאגט, אז ער איז געווען ביי הרב וואזנער א יאר פאר ער איז אוועק, ער האט געדארפט איבעררעדן א שווערע שאלה. און מיין טאטע האט אים געוואלט מאכען גוט פילן, האט ער אים געזאגט, דער רב האט א זכיה אז יעדע ספר וואס קומט ארויס, ברענגט מען נאך, און מען רעכענט זיך, מיטן שבט הלוי. הרב וואזנער האט אזוי צוגעהערט, און נאכדעם זאגט ער פאר מיין טאטען, א גרויסע יישר כח, מיר האבן הנאה געהאט עס צו הערן, און יעצט ווען מיר פרובירן דאס צו פארגעסן...

הרב וואזנער פלעגט זאגען אז זיין אהבת התורה האט זיך אנגעהויבן אין נייטרא. ווען ער איז געקומען אויף נייטרא, דעם ערשטען מעריב וואס ער האט געדאווענט אין נייטרא, ביים נאות דשא, האט ער געהערט ווי ער האט געזאגט, על כן ה' אלקינו בשכבנו ובקומנו נשיח בחוקיך, און ער האט עס אזוי געזאגט, אז עס האט אריינגעלייגט אין אים א אהבת התורה, און פון דעמאלטס בין איך געווארן וואס איך בין געווארן.

**א' מטובי ק"ק נייטרא:** ווען ער פלעגט דא זיין, פלעגט ער ארויסקומען אין ישיבה. ער האט געהאלטן דארט אסאך דרשות.

**אב"ד נייטרא וומסב"ג:** מיין שווער (הגה"צ רבי צבי ישכר דוב כ"ץ זצ"ל אב"ד דושינסקיא וומסב"ג) האט מיר פארציילט, און איך האב עס אליין געהערט פון הרב וואזנער'ס זוהן, רבי יוסף וואזנער פון בארא פארק. אז הרב וואזנער איז געווען א איידעם ביי געלבער, און ער האט געוואוינט אין פרעשבורג, און עס האט זיך אנגעהויבן די שווערע צייטען, ביינאכט האט מען אריינגעווארפען שטיינער אינעם פענסטער. און ער האט באקומען א תשוקה צו פארן קיין ארץ ישראל. רבי חיים וואזנער האט שוין געלעבט, און זי איז דעמאלטס געווען מעוברת מיט ר' יוסף וואזנער, מען האט שוין נישט געקענט פארן מיט א געהעריגע שיף, און מען איז געפארן מיט א לאסט שיף, מענטשען האבן זיך ארויפגעכאפט און מען איז געפארן מיט דעם שיף. עס איז נישט געווען א אפיציעלע שיף. און ער איז געפארן מיט די רעבעצין, און ער האט איבערגעלאזט רבי חיים דארט ביי זיין שווער און שוויגער. ווען זיי זענען אנגעקומען קיין ארץ ישראל, האט מען געשיקט זאגען, אז מען לאזט נישט אריין די שיף. די ענגלענדער האבן נישט אריינגעלאזט די שיף. און זיי האבן געסטראשעט, אז אויב מען וועט קומען צום בארטען, וועט מען זינקען דעם שיף. מען האט נישט געהאט קיין ברירה, און דער קאפיטאן האט אויסגערופן אז ער דרייט זיך צוריק, ער פארט צוריק. עס איז געווען דארט א זיבעציג אכציג מענטשען, וואס זיי האבן געזאגט, אז זיי ווילן צושווימען ביז צום בארטען. און זיי האבן געבעטן דעם קאפיטאן, אז מען זאל זיי לאזן אראפגיין, און זיי וועלן צושווימען, און ער איז איינגעגאנגען אויף דעם. און הרב וואזנער מיט די רעבעצין האבן געקענט גוט שווימען, און זיי זענען אראפ פון די שיף, און זיי זענען צוגעשווימען. זיין שווער איז געווען א גרויסער עושר, און ער האט אים אריינגענייט אין די שיך א גרויסע סומע געלט ער זאל האבן אין ארץ ישראל, און דאס אלעס איז געבליבן אין וואסער. און ער איז אנגעקומען צום בארטען, עס איז געווען קאלט, און זיי האבן זיך צוגעדעקט מיט

זאמד. און ער איז געגאנגען לערנען צו הרב דושינסקיא. פון די אלע וואס זענען געשווימען, זענען רובא דרובא נעבעך געבליבען אין וואסער, נאר דרייצן מענטשען האבן דאס אדורכגעמאכט. און ער האט געזאגט יארן שפעטער, אז היינט ווען איך טראכט צוריק, איך קען נישט פארשטיין וואס האט מיר געטריבען, פארוואס האב איך דאס געטון.

**רבינו:** מה' מצעדי גבר כוננו, מען נעמט נישט אליין. - איר קומט אריין ב"ה אין א פיינע קהלה, יראים ושלמים, מבקשי תורה.

**אב"ד נייטרא וומסב"ג:** מען שפירט עס שוין אביסל, די פאר חדשים. א יישר כח פאר די חיזוק וואס דער רב האט געגעבן.

**רבינו:** ברוך ה', איך האב נישט עובר געווען אויף קיין יעצנו רע. - עס קומען די הייליגע טעג, עס קומט א שווערע עבודה. איך האב אויך אנגעהויבן אלול.

**אב"ד נייטרא וומסב"ג:** לאדם מערכי לב, ומה' מענה לשון.

**וברכו רבינו:** דער באשעפער זאל העלפן ווייטער, עס זאל זיין מיט אסאך ברכה און הצלחה און נשיאת חן, להגדיל תורה ולהאדירה. מען זאל האבן א גוט געבענטשט יאר, און א כתיבה וחתימה טובה, למען יאריך ימים על ממלכתו הוא ובניו בקרב ישראל, מתוך שמחה וטוב לבב.

**רבינו שליט"א מסר לו שמן ראש על הימים נוראים וחג הסוכות, ונפרדו לשלום**